

# הרה"ג **ר' נח גפן** **שליט"א** שו"ב

יא

## די ישיבה פון רבי שמשון אליעזר גפן ז"ל

**רבי נח:** איך האב אנגעהויבן צו דערציילן איבער די הרבצת התורה און די גרויסע השפעה פון אונזער זיידן הרה"ג ר' שמשון אליעזר גפן ז"ל.

ער האט געעפנט א ישיבה פאר בר מצוה בחורים דארט אין קליינווארדיין, און ער האט זיך אריינגעלייגט מיט אלע כוחות אריינצולייגן אין זיי תורה מיט יראת שמים, און זיי מדריך צו זיין מיט די ווארעמקייט און חסידות וואס ער האט געהאט מקבל געווען פון זיין הייליגן רבי'ן דער קדושת יום טוב זי"ע.

די שטאט קליינווארדיין איז דאך געווען א בארימטע שטאט, עיר מלאה חכמים וסופרים, תלמידי חכמים חסידים ואנשי מעשה, וואס דאס פאר זיך איז געווען מסוגל צו קענען דארט מעמיד זיין תלמידים הגונים לשם ולתפארת.

עס האט זיך טאקע אזוי ארויסגעשטעלט אז די ישיבה איז געווען א שם דבר אין די גאנצע סביבה, מען האט געוואוסט פון די נאנט און פון די ווייט, אז אויב מען וויל אז א בחור זאל שטייגן אין תורה ויראת שמים, שיקט מען אים קיין קליינווארדיין צו ר' שמשון אליעזר'ס ישיבה.

עס איז געווען א מציאות הנראה לעינים, וואס מ'האט געזען אויף זיינע חשוב'ע תלמידים וואס זענען ארויסגעקומען פון זיין ישיבה תלמידים הגונים, און חשוב'ע רבנים וואס האבן מרביץ תורה ויראה געווען ביי כלל ישראל.

די ישיבה איז געווען א "ישיבה קטנה" פאר יונגע בחורים, פון די יארגאנג פון 12-14 יאר.

## ישלם שנים לרעהו...

דער זיידע איז געווען א תלמיד חכם עצום, אבער אויך א שטארקער בעל מחנך, מיט זייער א טיפע הבנה אינעם עולם החינוך.

ער האט געהאט אן אינטערעסאנטן סדר ווי אזוי ער האט אריינגענומען א בחור אין די ישיבה, וואס דאס אליין איז צוגעגאנגען מיט חינוך צו חסד.

ער האט אריינגענומען העלפט פון די בחורים וואס זענען געקומען פון בעל הבית'ישע שטובער, און די איבעריגע בחורים זענען געווען פון ארעמע שטובער, און ער האט אנגענומען דעם בחור וואס איז געקומען פון א בעה"ב'טישע שטוב מיט א תנאי אויב ער האט באצאלט טאפלט שכר לימוד, סיי פאר זיך און סיי פאר אן ארעמער בחור.

אזוי האט ער מחנך געווען די בחורים, צו לעבן מיט מצוות, מיט א געפיל פאר א צווייטן, טון חסד איינער פאר'ן צווייטן, אין די צייט וואס די בחורים האבן געוואוסט אז נאר אדאנק מיין באצאלן טאפלט קען דער אנדערער בחור דארט לערנען. ובעיקר לויט ווי חכמינו ז"ל זאגן "הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה"...

פארשטייט זיך אז דאס האט נישט צוריקגעהאלטן די בעל הבית'ישע בחורים צו קומען לערנען אין די ישיבה, אדרבה, עס איז געווען א זכי' צו לערנען אין די ישיבה, מען האט געוואוסט פון די נאנט און פון ווייט אז עס לוינט זיך צו קומען לערנען ביי רבי שמשון.

***ש: ס'איז עפעס באקאנט ווער זיינע תלמידים זענען געווען?***

**רבי נח:** יא, עטליכע תלמידים זענען געווען באקאנט, צווישן זיי זענען שפעטער געווען באקאנטע אנשים חשובים ומפורסמים, איך וועל אויסרעכענען עטליכע נעמען, וואס זענען געווען מער באקאנט דא פאר'ן היימישן עולם נאך די קריג.

ווי כ"ק מרן הרה"ק מטאהש זצוק"ל, הרה"ג ר' בנציון יאקאבאוויטש ז"ל מנהל המוסדות פון בני ברק, מח"ס ציוני טהרה, מיין שווער הרה"ח ר' משה פריעד ע"ה און זיין ברודער ר' נחום יודא פריעד ע"ה, הר"ר בנימין הערש הכהן בערקאוויטש ע"ה מנהל בית רחל, הר"ר מענדל גרשון פעלדמאן ע"ה משמש בקהל יט"ל, ר' הערש אלימלך פעלדמאן ע"ה, ר' יודא הערש לאנדא ע"ה, ר' יעקב קאהן ע"ה, ר' משה יוסף שווארץ ע"ה ר' דוד צוויבל ע"ה, רבי עקיבא'לע גאנץ ע"ה.

אדרבה, אויב עטליכע ליינער ווייסן פון נאך משפחה וואס האבן געלערנט ביי אים אין קליינווארדיין, וואלט מיר געווען א חשיבות צוריק צו הערן נאך נעמען פון זיינע תלמידים.

## סדר הלימוד

***ש: וואס איז באקאנט איבער דעם תוכן, און די סדרי הישיבה?***

**רבי נח:** די ישיבה האט געהאט זייער א גוטער נאמען, ס'איז געווען א ישיבה וואס מען האט געלערנט און גע'חזר'ט בלעטער גמרא, און זיך פארהערט, די בחורים האבן זייער גוט געקענט וואס מען האט געלערנט.

מען האט געלערנט א וואך גאנצע פינף בלאט גמרא מיט אלע תוספות.

דעם זיידנ'ס פארלערנען איז געווען מיט א געוואלדיגע קלארקייט, יעדע שטיקל גמרא האט געדארפט האבן א פשט אויפן פלאץ.

איך האב געהערט פון תלמידו הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ע"ה, אז דער זיידע האט געהאט צו טון מיט די אויגן, ער האט געזען זייער שוואך און דערפאר האט ער געהאט א דיקע גלאז אויף זיינע ברילן, (נומער 13), אבער מען האט געזען אז די ברילן האט ער נאר אנגעטון ווען ער האט געדארפט אריינקוקן אין מהרש"א אדער אין אנדערע מפרשים, אבער ווען ער האט געלערנט א שטיקל גמרא האט ער פארגעלערנט ממש ווי אויף אויסנווייניג.

## זיין אהבה צו די תלמידים

עס איז נישט צו באשרייבן די אהבת התורה



הרה"ק מטאהש זצוק"ל איז געווען א תלמיד פון ר' שמשון אליעזר גפן ז"ל אין די ישיבה אין קליינווארדיין

וואס ר' שמשון אליעזר האט געהאט, אזוי אז ער האט זיך ממש מיטגעפרייט מיט יעדן תלמיד וואס האט געקענט און זיך פארהערט די גמרא וואס מען האט געלערנט.

עס האט דערציילט איינער פון די חשוב'ע תלמידים הרה"ח ר' משה יוסף שווארץ ע"ה, אז ער איז אמאל געקומען צו ר' שמשון אליעזר אז ער וויל זיך פארהערן א גאנצע מסכת אויסנווייניג, רבי שמשון האט אים פארהערט, און ווען ער האט אים געענדיגט פארהערן, האט ער געגעבן פאר ר' משה יוסף א קוש אין שטערן פאר ליבשאפט ווי גוט ער האט געקענט די מסכת, אזוי איז געווען די ליבשאפט צו תורה אן א שיעור.

## די פארהערן יעדע וואך

אן עקסטערע ארבעט איז ביי אים געווען דאס פארהערן יעדע סוף וואך, וואס דעמאלט האט ער זיך אפגעגעבן מיט יעדן תלמיד צו זען צי ער שטייגט אין לערנען אדער פארקערט ח"ו, און אויב ער האט געטראפן א תלמיד נישט אזוי גוט קענען האט ער זיך אריינגעלייגט צו דערגיין פארוואס ער קען נישט.

עס האט אבער נישט געטארט פאסירן אז א בחור זאל נישט קומען אין ישיבה דאנערשטאג צום פארהער, יעדער האט געמוזט זיין גרייט דאנערשטאג זיך צו קענען פארהערן די גאנצע שיעור וואס מען האט געלערנט יענע וואך, אויסער אויב מען האט זיך נישט גוט געפילט, און געהאט פיבער, האט ער פארלאנגט אז מען זאל אים שיקן ווייזן די 'פיבער מעסטער' וויפיל פיבער דער בחור האט, און אויב עס איז געווען הויעך די פיבער האט ער באפרייט דעם בחור פון צו קומען צום פארהער.

תלמידו מו"ח הרה"ח ר' משה פריעד ע"ה האט דערציילט אז איינמאל איז געווען א בחור וואס האט נישט געקענט דעם שיעור, ר' שמשון אליעזר ז"ל האט שוין געזען אינמיטן וואך אז דער בחור וועט נישט קענען ביים פארהער, איז געגאנגען דער בחור און ער האט אריינגעלייגט דעם פיבער מעסטער אין הייס וואסער, אזוי אז די מעסטער זאל ארויפגיין הויך צו א הויכע נומער, און ער זאל דאס קענען שיקן ווייזן אז ער קען נישט קומען צום פארהער ווייל ער האט הויך פיבער, אבער דער בחור האט נישט באמערקט אז דער פיבער מעסטער איז ארויף זייער הויך, און ער האט דאס געשיקט פאר ר' שמשון אליעזר ז"ל צו ווייזן אז ער האט פיבער.

ווען ר' שמשון אליעזר ז"ל האט גענומען דעם פיבער מעסטער און באמערקט דעם הויכן נומער, און ער האט שוין גוט פארשטאנען וואס דער בחור האט געטון, האט ער זיך אנגערופן אז דער בחור איז פטור פונעם פארהער ווייל מיט אזעלכע הויכע פיבער לעבט שוין דער בחור אוודאי נישט...

אבער ביי די בחורים וואס האבן געלערנט פלייסיג איז עס געווען א זכי', און זיי האבן שוין אגאנצע וואך געווארט אויף דעם פארהער אז זייער רבי זאל זען ווי גוט זיי קענען.

עס האט דערציילט איינער פון זיינע חשוב'ע תלמידים ר' דוד צוויבל ע"ה, אז איין וואך ווען ר' שמשון אליעזר ז"ל איז ארומגעגאנגען פארהערן די תלמידים, ווען מען איז אנגעקומען צו זיין רייע צו פארהערן האט אים ר' שמשון אויסגעלאזט, און געגאנגען צום צווייטן בחור.

ווען ער האט געענדיגט פארהערן אלע בחורים איז ר' דוד צוגעגאנגען און אים געפרעגט: "רבי, פארוואס האט מען מיך נישט פארהערט די וואך?"

ענטפערט ער אים: "ווייל דו האסט נישט אויסגעהערט די וואך ווען מען האט פארגעלערנט דעם תוספות, דערפאר ווייס איך שוין אז דו קענסט נישט"...

דאס איז געווען זייער א גרויסע שטראף פאר א בחור אז מען האט אים נישט פארהערט, און ס'האט זייער ווי געטון פאר ר' דוד אז מען פארהערט אים נישט, האט ער אנגעהויבן צו וויינען ממש מיט טרערן "רבי, פארהער מיך, איך קען יא דעם תוספות".

דערציילט ר' דוד ווייטער: פונקט יענע וואך האט מען געהאט געלערנט זייער א שווערע תוספות אין מסכת חולין וואס די תוספות איז כמעט אויפן גאנצן עמוד, און ער האט טאקע נישט געהאט אזוי גוט צוגעהערט ווען מען האט דאס פארגעלערנט, אבער ער האט געזען אינמיטן די וואך צו לערנען און צו חזר'ן דעם תוספות, ווייל ער האט נישט געוואלט כאפן סוף וואך ביים פארהער ווען זיין רבי וועט זען אז ער קען נישט די תוספות, און דא וויל אים זיין רבי נישט פארהערן, האט עס אים זייער שטארק ווי געטון.

זאגט ער פאר זיין רבי "רבי, איך קען יא דעם תוספות איך האב דאס יא געלערנט, דער רבי קען מיך פארהערן די תוספות ווי אזוי דער רבי וויל אדער פון אויבן אראפ די גאנצע תוספות אין א רייע אויף אויסנווייניג, אדער אפילו צוריקצוואוועגס, די גאנצע תוספות פון אונטן ארויף, ישר והפך, ווי אזוי דער רבי וויל וועל איך דאס זאגן".

ר' דוד האט אנגעהויבן צו זאגן די גאנצע תוספות פון אונטן ארויף, תוספות ענטפערט אזוי, און מיט דעם איז פארענטפערט וואס תוספות האט געפרעגט, אזוי האט ער אפגעזאגט דעם גאנצן תוספות אויף אויסנווייניג.

ווען ער האט געענדיגט זאגן די תוספות, איז ר' שמשון אליעזר צוגעגאנגען צו אים אין אים געגעבן א פאטש, אויף די רעכטע באק, און אויף די לינקע באק....

ר' דוד דערציילט אז ער האט נישט געוואוסט יענע מינוט אויף וועלכע וועלט ער איז, נישט פארשטייענדיג אז ער האט אזוי גוט געקענט, פארוואס קומט אים די פעטש...

זאגט אים ר' שמשון אליעזר ז"ל "אזוי קענסטו ווען דו הערסט נישט אויס, ווי אזוי וואלסטו ווען געקענט ווען דו הערסט ווען יא אויס, וואלסט דאך געקענט אויסוואקסן א גאון נפלא"...

דאס איז געווען זיין מהלך ווי אזוי ער האט מעמיד געווען תלמידים הגונים.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**